# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Mair Vayntruib E”H / Maier Weintraub RIP

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/5v56d769

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

### Author

Samuel Weiss, Shmuel Vays /

### Publication Date

1978

### Copyright Information

Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

דאָלער פאָנד ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק. ער האָט פינאַנסירט דאָס איבערזעצן אויף העברעיש און דאָס אָפּדרוקן פון למד שאַפּיראָס „די יידישע מלוכה“ און אויך ש. מילערס געקליבענע כתבים — ביידע ביים פּרץ פאַרלאַג אין תל־אביב. אויך האָט ער אַליין פינאַנסירט אין אָנדענק פון ליזאַן אַן אַנטאָלאָגיע וועגן חורבן, רעדאַגירט פון ד״ר עזריאל נאקס, יעקב גלאַטשטיין און ד״ר ש .מאַרגאָשעס, דערשינען אין ניו־יאָרק. פאַרן בית לייוויק אין תל־אביב, האָט ער אַליין צוגעטראָגן דריי טויזנט דאָלער און האָט אויך באַצאָלט $3000 פאַר מילבערגערס סקולפּטור וואָס שטייט איבערן לייוויק הויז אין תל־אביב. ווילי איז דער מלאך הגואל פון לייוויק־הויז. ביז איצט האָט ער פון אַנדערע קוואַלן געשאַפן פאַר דער אינסטיטוציע קרוב צו 25 טויזנט דאָלער.

די העברעישע ליטעראַטור האָט אַלע מאָל געהאַט גרויסע מעצענאַטן, אפילו מיליאָנערן, וואָס האָבן געשטיצט העברעיש מיט אַ ברייטער האַנט. די יידישע ליטעראַטור אָבער שטייט אין ביי אָרעמע פאָלקס־מענטשן מיט ווייניק געלט און קליינע השגות. אויך ווילי שאָר איז קיין מאָל נישט געווען קיין עושר. זעכציק טויזנט, לויטן אַמעריקאַנער סטאַנדאַרד, איז ניט קיין עשירות. ער האָט אָבער דאָס אָוועקגעשענקט מיט ליבשאַפט און אַליין לעבט ער באַשיידן אויף אַ זייער באַגרענעצטער הכנסה.

ער איז באמת געוואָרן אַ לעבעדיקער ביישפּיל פאַר אַנדערע. איך אַליין האָב באַקומען גרעסערע סומעס ביי מענטשן פאַר געזעלשאַפטלעכע קולטור פּראָיעקטן מחמת זיי זיינען אָנגערעגט געוואָרן פון ווילים ביישפּיל. ווילן מיר אָט דעם חסד דערמאָנען ווילין און אים זאָגן: טייערער וועלוול שאָר: אין דעם מאָמענט פון גרויסער געפינט אַ טרייסט אין אייער גרויסן צושטייער צו דער יידישער קולטור. טויזנטער מענטשן איבערן לאַנד און אויסערן לאַנד זיינען מיט אייך אין אייער גרויסן טרויער. זאָל דאָס זיין כאָטש טיילוויז אַ טרייסט פאַר אייך. מיר ווינטשן אייך נאָך לאַנגע געזונטע יאָרן, איר זאָלט קענען געניסן פון דעם וואָס איר האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און איידלקייט פאַרזייט.

# מאיר ווײנטרויב ע״ה

## לאַנג־יאָריקער פאַרוואַלטער פון היגן „פאָרווערטס“ אָפיס

מאיר ווײנטרויב איז יאָרן־לאַנג געווען אַן אינסטיטוציע אין לאָס אַנדזשעלעס. עס זיינען פאַראַן אין לאָס אַנדזשעלעס ווייניק אינסטיטוציעס ווו מאיר האָט ניט גענומען אַן אַקטיוון אנטייל. זיין אָפיציעלער אַמט איז געווען צו פאַרוואַלטן מיט די געשעפטס ענינים פונעם היגן „פאָרווערטס“ אָפיס. איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ער געדינט אָט דער גרעסטער יידישער פאָלקס־צייטונג אין אַמעריקע, פריער אין פילאַדעלפיע, אין קליוולאַנד, און די לעצטע דרייסיק יאָר אין לאָס אַנדזשעלעס. אַ פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס“ איז אַלע מאָל געווען אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער אין יידישע אַרבעטער און פאָלקס אינסטיטוציעס, און מאיר ווײנטרויב האָט אומעטום דערפילט זיינע פונקציעס ווי אַ שליח־ציבור מיט געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט. ער איז געווען אַ פירנדער מענטש אין אַרבעטער רינג, אין דער „סיטי אָוו האָופּ“, אין די פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס ביים פאַראייניקטן יידישן וועלפעיר פאָנד, ווו ער איז פיל יאָרן געווען פאָרזיצער, אַן אַקטיווער טוער אין הסתדרות קאַמפּיין, אין אַרבעטער „אָרט“, אין יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, און דער פאָרזיצער פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

אָבער חוץ זיינע אָפיציעלע אַמטן איז

מאיר וויינטרויב געווען אַ האַרציקער מענטש, אַ גוטער חבר, וואָס איז אַלע מאָל געווען גרייט צו טאָן אַ טובה יעדן וואָס האָט זיך צו אים געווענדט. לאָס אַנדזשעלעס איז מיט יאָרן צוריק געווען דער אימיגראַציע צענטער פון יידישע משפחות געקומענע פון ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגע, באָסטאָן און אַנדערע שטעט. אַ סך פון אָט די נייגעקומענע האָבן געדאַרפט הילף אין דער פרעמדער שטאָט. פאַר אַ סך פון זיי איז דער „פאָרוועטס“ אָפיס געווען דער באַוואוסטער פלאַץ און מאיר.וויינטרויב דער באַוואוסטער מענטש. צי מען האָט געדאַרפט אָנקומען אין „סיטי אָוו האָופ“, אָדער אָן אַנדער הילף־אינסטיטוציע, אָדער חלילה אַראַנזשירן די לוויה פון אַ נאָענטן מענטשן, אָדער גלאַט זיך האַלטן אַן עצה — פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען האָט מאיר געהאַט צייט און געדולד און אַ גרייטקייט צו העלפן.

פון דער נאַטור אַן עמאָציאָנעלער מענטש, האָט מאיר ניט זעלטן מיטגעוויינט מיט זיינע „קליענטן“ אין אַ צייט ווען ער איז אַליין שוין ניט געווען ביים בעסטן געזונט און אַליין געטראָגן אין זיין האַרץ ווונדן פון אייגענע טראַגעדיעס.

קיין אַמעריקע איז מאיר געקומען אין 1914 פון זיין היימשטאָט ביאַליסטאָק, ווו ער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען פון אַן אַקטיוון אַרבעטער טוער, אַ מיטגליד אין „יוגנט בונד“ און אַ טוער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פאַר וועלכער ער איז אָפּגעקומען דריי יאָר תפיסה. זיין טורמע טערמין האָט ער געטראָגן ווי אַן אויסצייכענונג מעדאַל. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט דער 84 יאָריקער מאיר געליטן פון פאַרשיידענע מחלות. ביי זיין זייט איז אַלע מאָל געווען זיין פרוי ליליען, וועלכע האָט ווי אַ געטרייע מאַמע געוואַכט איבער זיין געזונט ביז ער האָט אין אָוונט פון דעם 21טן דעצעמבער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

אַחוץ זיין אַלמנה האָט ער פאַריתומט צוויי זין, ד״ר היימאַן וויינטרויב, געוועזענער פאָרזיצער פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, און עזרא;ביידע זין זיינען גוטע סאָציאַליסטן און גייען אין די פוסטריט פון זייער פאָטער; צוויי שנירן, מרים און אַדעל; זיין באַגאַבטן שטיף־איידעם, בען האָראָוויץ, דירעקטאָר פון „סיטי אָוו האָופ“, און זיין שטיף־שנור בעווערלי; עטלעכע אייניקלעך און צוויי אור־אייניקלעך.

כבוד דעם אָנדענק פון אַ געטרייען יידישן כלל־טוער און פאָלקס־מענטש.

**ש. וו.**


*Greetings from*

**SCHWARTZ PRINTING CO.**

*Printers of the "Heshbon"*

773 Kohler Street
Los Angeles, Calif. 90021
Tel. 624-9378


